# אויפֿן ייִדיש־דרך אין פּוילן

מאַרעק טושעוויצקי/קראָקע, פּוילן

מײַן פּערזענלעכע נסיעה מיט ייִדיש האָט זיך אָנגעהויבן אויף אַ גאָר פּראָזאַיִשן אופֿן. מיט כּמעט אַכט יאָר צוריק האָב איך זיך אַריבערגעקליבן פֿון לאָדזש קיין קראָקע, כּדי צו שטודירן ייִדישע לימודים אינעם אָרטיקן אוניווערסיטעט. עס איז געווען נישט לאַנג נאָך מײַנע אויסלאָז־עקזאַמענס אויפֿן פֿאַקולטעט פֿון יוריספּרודענץ און אַדמיניסטראַציע אין לאָדזש. דער דאָרשט נאָך וויסן האָט מיך נישט געלאָזט רוען, האָב איך אָנגעהויבן נײַע שטודיעס מיט אַ פּלאַן צו ווערן אַ היסטאָריקער אין דער געשיכטע פֿון ייִדן אין פּוילן. אין דער אמתן איז שווער פֿעסטצושטעלן, וואָס עס איז געווען די הויפּט־סיבה פֿון מײַן באַשלוס. די געשיכטע בכלל האָט מיך נאָך אין מיטלשול שטאַרק פֿאַראינטערעסירט. אין קראָקע האָב איך באַקומען אַ מעגלעכקייט צו פֿאַרברייטערן מײַן וויסן און זיך דערבײַ אויסלערנען צוויי נײַע שפּראַכן: ייִדיש און העברעיִש. מיט דער ברייטערער ייִדישקייט האָבן מיך דעמאָלט פֿאַרבונדן בלויז ווײַטע קרובֿים ייִדישע אין וואַרשע. מײַן משפּחה איז דורכויס אַ פּויליש־קאַטוילישע, און דאָך האָב איך געפֿילט, אַז די טעמע איז מיר זייער נאָענט, אַז אַלץ קלינגט מיר היימיש, ווי אַ חלק פֿון מײַן אייגענער קולטור. צי האָבן אויף מיר געווירקט די צופֿעליקע באַגעגענישן מיט דער ייִדישער ירושה? איך גלייב אַז יאָ, ווײַל דאָס לעבן בשכנות מיט אַלטע בית־עלמינס און בתּי־מדרשים מוז סוף־כּל־סוף אויפֿוועקן פֿראַגעס וועגן דער בשותּפֿותדיקער פּויליש־ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט. זיכער בין איך נישט אַליין בײַ דער מיינונג.

דער אינסטיטוט, בײַ וועלכן איך שרײַב איצט מײַן דאָקטאָראַט וועגן דער ייִדישער פֿאָלקסקולטור, און ווו איך פֿיר גלײַכצײַטיק אָן מיט אַ ייִדיש־קורס פֿאַר אָנהייבערס, געפֿינט זיך זינט 1986 אינעם יאַגעלאָנישן אוניווערסיטעט אין קראָקע. אין יאָר 2000 האָט מען דאָ אײַנגעפֿירט, צום ערשטן מאָל אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן, רעגולערע שטודיעס אויפֿן פֿעלד פֿון יודאַיִסטיק. אין דעם אַקאַדעמישן יאָר 2013-2012 האָט דער אינסטיטוט אַרײַנגענומען אַרום פֿופֿציק (50!) נײַע סטודענטן, וועלכע וועלן זיך לערנען ייִדיש (צו גלײַך מיט העברעיִש) במשך פֿון דרײַ יאָר, און וועלן דורכמאַכן נישט ווייניקער ווי דרײַסיק



די גרופּע באַטייליקטע אין דעם אינטערנאַציאָנאַלן זומער־סעמינאַר פֿון דער ייִדישער שפּראַך און קולטור אין וואַרשע, געשטיצט פֿון דער שלום־פֿונדאַציע, 2011

שעה לעקציעס אין יעדן סעמעסטער. די ייִדישע לימודים ווערן פֿינאַנצירט פֿונעם מלוכישן בודזשעט. דאָס איז אויך דער מצבֿ אין אַנדערע אינסטיטוציעס, ווו מע לערנט ייִדיש צוליב אַקאַדעמישע צוועקן, דאָס הייסט, אויף די אוניווערסיטעטן אין וואַרשע, ברעסלע (וורראָצלאַוו) און לובלין. ווער עס וויל ממשיך זײַן דאָס לערנען אויף אינטענסיווע זומערקורסן אין אויסלאַנד קען זיך ווענדן צו פֿאַרשיידענע ייִדישע און נישט־ייִדישע פֿונדאַציעס, אין פּוילן און אין אויסלאַנד, און באַקומען דערפֿאַר אַ סטיפּענדיע. צענדליקער פֿון אונדזערע תּלמידים פֿאָרן יעדעס יאָר אַ דאַנק אָט דער הילף קיין ווילנע, תּל־אָבֿיבֿ, פּאַריז און ניו־יאָרק.

דער לערנפּלאַן פֿון די קראָקעווער ייִדישע לימודים נעמט אַרום קורסן אין געשיכטע, קולטור און שפּראַכן. פֿון אַ געאָגראַפֿיש־היסטאָרישן קוקווינקל קאָנצענטרירט ער זיך אויף מיזרח־אייראָפּע מיט פּוילן בראָש. אָבער מע לערנט אויך, צווישן אַנדערן, וועגן דער תּנכישער תּקופֿה, דער עפּאָכע פֿון תּנאָים און אַמוראָים, דעם מצבֿ פֿון די ייִדישע קהילות אין מיטל־עלטער און אַמעריקע. עטלעכע מאָדערנערע טעמעס זײַנען אין דעם דאָזיקן פּלאַן אויך בנימצא. די פּאָפּולערסטע איז, אַ פּנים, די זידנדיקע קולטור פֿון מדינת־ישׂראל, מיט איר געמיש פֿון היימישקייט און עקזאָטיק. אונדזערע סטודענטן לערנען זיך עבֿרית און פֿאָרן גאַנץ רעגולער קיין ישׂראל. דער אינסטיטוט אַליין בלײַבט אין אַקאַדעמישן קאָנטאַקט מיט די אוניווערסיטעטן פֿון ירושלים און תּל־אָבֿיבֿ, ווי אויך אַנדערע אינסטיטוציעס ווי, למשל, יד־ושם.

וואָס שייך ייִדיש דאַרף יעדער איינער פֿון די סטודענטן זיך אויסלערנען לייענען און שרײַבן, אָבער מיטן רעדן איז נישט אַזוי פּשוט. קיין סך געלעגנהייטן צו כאַפּן אַ שמועס מיט די ניצול געוואָרענע פֿון חורבן איז שוין נישטאָ. די וואָס זײַנען נישט אַוועקגעפֿאָרן האָבן זייער מאַמע־לשון כּמעט אין גאַנצן פֿאַרגעסן, און אַלע יאָר ווערט די צאָל געבוירענע ייִדיש־רעדערס וואָס אַ מאָל קלענער.

די לערערס סטאַרען זיך צו אַר־בעטן מיט מאָדערנע מאַטעריאַלן און וויזן אָן אויף נײַע פּאַסירונגען, וועלכע קומען פֿאָר אויף דער ייִדישער גאַס – קיינער זאָל נישט מיינען, אַז די געשיכטע פֿון מאַמע־לשון האָט זיך פֿאַרענדיקט אין די דרײַסיקער יאָרן. ביז איצט האָט מען זיך באַנוצט מיט גענאַדי עסטרײַכס לערנבוך אינטענסיוו ייִדיש און מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָט דער מחבר אָפּ־געשטאַט אַ וויזיט אין קראָקע, אָנטייל צו נעמען אין אַ קאָנפֿערענץ וועגן ייִדיש אין פֿאָלקס־פּוילן. אויף מײַנע אייגענע לעקציעס האָב איך הײַיאָר געפּרוּווט פֿאַר־אינטערעסירן די תּלמידים מיט לילי כּהנס קאָלאָקוויאַל ייִדיש. צוליב הויכע פּרײַזן זײַנען אָבער נאָר געציילטע פֿון זיי גרייט געווען אײַנצוקויפֿן און אַרבעטן מיט דעם דאָזיקן לערנבוך. יעדן פֿאַלס בלײַבט די שפּראַך אַ ביסל הינטערשטעליק אין פֿאַרגלײַך מיט עבֿרית. זי איז וויכטיק פֿאַר די יונגע אַקאַדעמיקערס, אָבער נײַע שאַפֿונגען אויפֿן פֿעלד פֿון ליטעראַטור, פֿילם אָדער מוזיק שעפּט מען מײנסטנס פֿון ישׂראל.

**אַ געוויסע טייל פֿון די סטודענטן האַלט זיך אויף פֿאַר אָפּשטאַמיקע פֿון ייִדישע באָבע־זיידעס, אָבער האָבן נישט קיין פֿאַרבינדונג מיט די עקסיסטירנדיקע ייִדישע קהילות.**

ס'רובֿ סטודענטן זײַנען פּאָליאַקן, ד"ה, קאַטוילן און פּראָטעסטאַנטן. די לעצטע גרופּע איז רעלאַטיוו גרעסער אין פֿאַרגלײַך מיט דעם אַלגעמיינעם פּראָצענט נישט־קאַטוילישע קריסטן אין פּוילן. די סיבה ליגט מן־הסתּם אין דער ספּעציפֿישער רעליגיעזקייט פֿון די פּראָטעסטאַנטן, וואָס האָט שטאַרק צו טאָן מיטן לייענען תּנ"ך און לערנען די אַלט־ייִדישע געשיכטע. אַ געוויסע טייל פֿון די סטודענטן האַלט זיך אויף פֿאַר אָפּשטאַמיקע פֿון ייִדישע באָבע־זיידעס, אָבער האָבן נישט קיין פֿאַרבינדונג מיט די עקסיסטירנדיקע ייִדישע קהילות. ס'איז נישטאָ וואָס זאָל זיי אונטערשיידן פֿון אַנדערע פּאָליאַקן. דאָס זײַנען בדרך־כּלל וועלטלעכע מענטשן און דער ייִדישער ייִחוס איז נאָר אַ געוויסע טייל פֿון זייער משפּחה־געשיכטע. אויב זיי זײַנען נישט געוואָרן בעלי־תּשובֿה באַטראַכטן זיי עס נישט ווי קיין סימן פֿון באַזונדערקייט.

עס טרעפֿט זיך אויך, אַז אין פֿאַר־לויף פֿון די לימודים שטעלן זיך די סטודענטן אין וועלכן עס איז קאָנטאַקט מיט ייִדישקייט – אָדער ווי פֿרײַוויליקע מיטאַרבעטערס פֿון ייִדישע קהילה־צענטערס אָדער דורך באַטייליקן זיך אין פֿאַרשיידענע רעליגיעזע גרופּעס. אין פּוילן קען מען בײַם הײַנטיקן טאָג געפֿינען סײַ פּראָגרעסיווע סײַ אָרטאָדאָקסישע ייִדישע אינסטיטוציעס, וועלכע לערנען וועגן יהדות, פּראַווען שבת און יום־טובֿ, און אָרגאַניזירן כּלערליי קולטורעלע אונטערנעמונגען. אַזוי אַרום פֿירט דער לעצטער וועג בדרך־כּלל צו אַ גיור אָדער אַפֿילו אַז מע זאָל עולה זײַן.

דער אינטערעס מצד יונגע פּאָליאַקן לגבי ייִדיש און דער ייִדישער קולטור בכלל איז אַ פֿראַגמענט פֿון אַ ברייטערן פֿענאָמען. אין די לעצטע יאָרן פֿון איר מאַכט האָט די קאָמוניסטישע רעגירונג דערלויבט אַרויסצוגעבן עטלעכע פֿאָפּו־לערע ווערק וועגן ייִדישע ענינים וואָס האָבן אַרויסגערופֿן אַ סענסאַציע. עס איז שוין געהאַט אויסגעוואַקסן אַ גאַנצער דור לייענערס וואָס האָבן גאָרנישט געוווּסט וועגן ייִדן. ס'איז דאָך געווען איינע פֿון די פֿאַרווערטע טעמעס, וואָס האָט זיך נישט צוגעפּאַסט צו דער קאָמוניסטישער

דאָקטרין. ערשט אין די אַכציקער יאָרן האָבן די פּאָליאַקן זיך אַרומגעזען, אַז מע האָט דערמאָרדעט און אַרויסגעיאָגט פֿון לאַנד זייערע שכנים און אַז מע האָט באַרויבט בײַ דער פּוילישער קולטור אַ וויכטיקע טייל פֿון איר אוצר.



דאָס לעבעדיקסטע אָרט אין קראָקע,
דער ייִדישער קהילה־צענטער

נאָך דעם ליבעראַלן איבערקערעניש אין 1989 האָט זיך אײַנגעשטעלט אַ נײַע טענדענץ: דאָס פֿאַרנעמען זיך מיט דער ייִדישער געשיכטע און קולטור לאַוו־דווקא אַקאַדעמיש, נאָר פֿון אַ מער פּאָפּולערן קוקווינקל. פֿון יאָר צו יאָר איז געוואַקסן די צאָל אונטערנעמונגען, אײַנגעוואָרצלטע אין דער פּויליש־ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט. נישט נאָר אין די גרעסערע צענטערס, נאָר אַפֿילו אויף דער פּראָווינץ איז דאָס געוואָרן אַ פֿענאָמען, וואָס שוין פֿון לאַנג אָן רופֿט זי נישט אַרויס קיין חידוש. און אַזוי ציט זיך נאָך ביזן הײַנטיקן טאָג. וואָס פֿאַר אַ קולטורעלן ניוואָ עס שטעלן מיט זיך פֿאָר די אַלע פּראָיעקטן – דאָס איז שוין אַ מעשׂה פֿאַר זיך.

אין קראָקע אַליין אָרגאַניזירט מען איינעם פֿון די וויכ־טיקסטע ייִדיש־קולטור־פֿעסטיוואַלן אויף דער וועלט. קינסט־לערס פֿון די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אייראָפּע און ישׂראל קומען יעדעס יאָר צו פֿאָרן אין שטאָט דווקא צוליב דעם וואָס עס טוט זיך אינעם געוועזענעם ייִדישן קוואַרטאַל קוזמאַרק. אַ סך קומען ווי אָנטיילנעמערס, צו געבן קאָנצערטן, לערנען דעם עולם װעגן טענץ, טעאַטער און פּלאַסטישער קונסט פֿון אַלע עקן ייִדיש וועלטל. עס איז נישט קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דער פֿעסטיוואַל רעפּרעזענטירט דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פֿון די הײַנטיקע באַציִונגען צווישן פּאָליאַקן און ייִדן און אַז דאָס איז אַ באַווײַז פֿון דעם וואָס צוויי קולטורן זײַנען מסוגל אויפֿצוטאָן דורך אַ קעגנזײַטיקן פֿאַרשטאַנד. צום באַדויערן איז דאָס נאָר אַ מין קורצער יום־טובֿ; אין גאַנג פֿון פּשוטן טאָג־טעגלעכן לעבן באַקומט די אידיליע גאָר אַן אַנדער פּנים. פֿאַר ס׳רובֿ טוריסטן בלײַבט דער ייִדישער קוואַרטאַל בלויז אַ קור־צער אָפּשטעל, נישט וויניקער קאָמערציאַליזירט ווי ס׳רובֿ היסטאָרישע אַטראַקציעס. אין רעסטאָראַנען קען מען באַשטעלן „גלאַט־טרייפֿע" כּמו־ייִדישע מאכלים און די געשעפֿטן האַנדלען אָן שום בושה מיט געקינצלטע סוווענירן. מע קען דאָ קויפֿן כּלערליי מנורות און שבת־לײַכטערס, פּאָרטרעטן פֿון באַ־בערדלטע ייִדן און פֿיגורלעך פֿון „ייִדעלעך" געמאַכטע פֿון האָלץ אָדער ליים. זיי שטעלן מיט זיך פֿאָר דאָס בילד פֿון אַ „זשיד", וואָס האָט זיך במשך פֿון יאָרהונדערטער טיף אײַנ־געוואָרצלט אין פֿאָלקס־זכּרון.

אַ ביסל ווײַטער קען מען זען ווי עס ציט זיך דער פֿאָדעם פֿונעם אויטענטישן ייִדישן לעבן. פֿאַראַן אין קוזמאַרק עטלעכע וויכטיקע ערטער: היסטאָרישע בתּי־כּנסת פֿולע מיט חסידישע טוריסטן, דער קהילה־צענטער, וווּ מע קען טרעפֿן סײַ וועלטלעכע סײַ רעליגיעזע ייִדן, אַ קלוב פֿאַר דער ייִדישער יוגנט... נאָך מיט אַ צוואַנציק יאָר צוריק וואָלט מען נישט געקענט באַמערקן אַפֿילו אַ קליין שטיקל פֿונעם לעבן, וואָס האָט זיך לעצטנס אַזוי פֿאַרביק צעבליט. אַ שאָד, אַז עס בלײַבט כּמעט אין גאַנצן פֿאַרהילכט דורך דעם שרײַענדיקן קאָמערץ.

ס׳רוב פֿון מײַנע ייִדיש־סטודענטן, קינדער געבוירענע אין דער ליבעראַלער דעמאָקראַטיע, געדענקען שוין נישט די קאָמו־ניסטישע תּקופֿה און זײַנען „קײַלעכדיקע" אייראָפּעער. אויך

> אין רעסטאָראַנען קען מען באַשטעלן „גלאַט־טרייפֿע" כּמו־ייִדישע מאכלים און די געשעפֿטן האַנדלען אָן שום בושה מיט געקינצלטע סוווענירן.

זייער באַציִונג צו ייִדיש האָט זיך געביטן. די שפּראַך איז אויף אַ לענגערער צײַט פֿאַרשוווּנדן פֿון אַלגעמיינעם באַוווסטזײַן און צוזאַמען מיט איר די פֿאַרטיקע סטערעאָטיפּן. די וואָס אַנטדעקן ייִדיש פֿון ס׳נײַ האָבן זיך שוין באַפֿרײַט פֿון די אַמאָליקע פֿאָראורטלען. מע לערנט זי פֿונקט ווי מע לערנט אַלע אַנדערע שפּראַכן. סײַ פּריוואַטע לעקציעס און סײַ אוניווערסיטעטישע




דאָס ייִדישע וואָרט, אַ צווייִשפּראַכיקער זשורנאַל אַרויסגעגעבן פֿון דעם קולטור־געזעלשאַפֿטלעכן פֿאַרבאַנד פֿון די ייִדן אין פּוילן. די הילע ווײַזט אָן אויף די פֿעסטיוואַלן אָפּגעגעבן דער ייִדישער קולטור אין פּוילן.

פּראָגראַמען ציִען יעדעס יאָר צו פֿרישע בעלנים. און דער זומער־סעמינאַר אין וואַרשע, וואָס געדויערט געוויינטלעך דרײַ וואָכן און נעמט אַרײַן אַן אינטענסיוון ייִדיש־קורס, איז אין די לעצטע פּאָר יאָר געוואָרן איינע פֿון די אינטערעסאַנטסטע קולטורעלע אונטערנעמונגען אין דער הויפּטשטאָט פֿון פּוילן. דער סעמינאַר ווערט אָרגאַניזירט דורך דעם צענטער פֿאַר דער ייִדישער קולטור – אַ קוואַל פֿון כלערליי אונטערנעמונגען און פּראָיעקטן לטובֿת ייִדיש. חוץ די טאָגטעגלעכע לעקציעס האָבן די אָנטיילנעמערס אַ געלעגנהייט זיך צו באַקענען מיט דער רײַכער געשיכטע פֿון פּוילישע ייִדן, למשל: קומען אָנקוקן דעם ייִדישן היסטאָרישן אינסטיטוט א״נ עמנואל רינגעלבלום; אַרומפֿאָרן איבער אַזעלכע חסידישע צענטערס ווי גער, ווורקע אָדער קוזמאַרק; זען די פּאַלאַצן פֿון ייִדישע פּיאָנערן פֿון דער טעקסטיל־אינדוסטריע אין לאָדזש אאַז״וו.

פֿאַראַן אָבער אויך אַ צווייטע זײַט פֿון דער דאָזיקער מטבע. דער עולם איז אויף אַזוי פֿיל איגנאָראַנט, אַז ער ווייסט נישט דעם אונטערשייד צווישן ייִדיש און העברעיִש. אַפֿילו מיט דעם טערמין „די ייִדישע שפּראַך“ באַנוצט מען זיך גאָר זעלטן, ווײַל זײַן באַטײַט איז שוין נישט קלאָר, און מע ווייסט נישט, צי מע מיינט ייִדיש צי אפֿשר עבֿרית. גאָר אַנדערש האָט דאָס אויסגעזען פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה.

יונגע פּאָליאַקן לערנען זיך ייִדיש צוליב פֿאַרשיידענע סיבות. אָפֿט מאָל זײַנען זייערע פּערזענלעכע מאָטיווירונגען פֿאַרבונדן מיט משפּחה־געשיכטעס. מע שאַצט, אַז די צאָל ייִדישע משפּחות וועלכע האָבן באַהאַלטן זייער אָפּשטאַם איז היפּש גרעסער פֿון די, וואָס האָבן אָנגעהאַלטן די טראַדיציעס. אָבער דאָס איז גאָר נישט קיין כּלל. הײַיאָר, אַחוץ די סטודענטן פֿונעם אוניווערסיטעט, לערן איך מיט אַ גרופּע אָנהייבערס אינעם קראָקעווער ייִדישן קהילה־צענטער („דזשיי־סי־סי“). פֿיר יונגעלײַט פֿון 22 ביז אַ יאָר 30, אַלע נישט־ייִדן: אַ זינגערין, אַן איבערזעצער פֿון ענגליש און צוויי סטודענטקעס פֿון דער גימנאַסטיק־אַקאַדעמיע (ביידע אַרבעטן ווי אינסטרוקטאָרשעס בײַ אַ שווימבאַסיין). זיי גיבן אָפּ זייער פֿרײַע צײַט פּשוט זיך צו לערנען עפּעס אינטערעסאַנטס, און צאָלן דערצו שׂכר־לימוד, ווי אויף אַנדערע קורסן. זינגערס און קינסטלערס זײַנען בכלל אָפֿטע געסט אויף די לעקציעס. זיי ווײַזן אַרויס גרויס אינטערעס אין דער ייִדישער ליטעראַטור און צו מאָל באַנוצן זיי זיך מיט ייִדיש אין זייער אַרבעט. די איבעריקע תּלמידים קומען סתּם פֿאַר הנאה וועגן און איך סטאַרע זיך צו רעדן מיט זיי וועגן פֿאַרשיידענע טעמעס. אַפֿילו די טרויעריקע ענינים ווי, למשל, אַנטיסעמיטיזם חזרן זיך יעדעס יאָר איבער און ווערן בײַ אונדז דיסקוטירט – איך האַלט, אַז מיט גוטע רעזולטאַטן. דאָס לערנען זיך ייִדיש קען געדויערן גאָר קורץ, צו מאָל אַ זמן, צו מאָל אַ יאָר. אָבער מיט כּמעט יעדן פֿון די תּלמידים בלײַב איך אין עפּעס אַ קאָנטאַקט.

עס איז וויכטיק נאָך אַ מאָל אַרויסצוהייבן דעם פֿאַקט, אַז דער אינטערעס צווישן יונגע נישט־ייִדן לגבי ייִדיש טראָגט בדרך־כּלל אַן אַקאַדעמישן אָדער קינסטלערישן כאַראַקטער. נאָר געציילטע ווערן לסוף פֿאַרברענטע ליבהאָבערס אָדער פּלאַנירן זייער צוקונפֿט אין פֿאַרבינדונג מיט דער שפּראַך; אַ נאָך קלענערע גרופּע איז גרייט אײַנצוגלידערן




זײַטל פֿון מײַן אַלף־בית פֿון יהושע קאַמינסקי, אַרויסגעגעבן פֿון דעם טשאָלנט־[Czuelnt-]פֿאַראיין, אילוסטרירט פֿון אורבולאַ פּאַלושינסקאַ, קראָקע 2012

ייִדיש אין משפּחה־לעבן דורך, למשל, רעדן ייִדיש מיט די קינדער. כאָטש אַזעלכע פֿאַלן קען מען אויך געפֿינען, דער עיקר, צווישן די מער אַרײַנגעטאָנענע אין ייִדישקייט. איינע פֿון מײַנע ערשטע לערערקעס אין קראָקע איז געווען יוליאַ מאַקאָש. נישט נאָר ווי אַ לערערין, נאָר אויך ווי אַ וועגווײַזערין, האָט זי מיר מסביר געווען וואָס דאָס איז אַזוינס די פֿאַר מיר דעמאָלט אומבאַקאַנטע ייִדישע קולטור און פֿאַר וואָס עס איז וויכטיק צו קולטיווירן דאָס ייִדיש־לשון. זינט איך האָב זיך מיט איר באַקענט איז יוליאַ געוואָרן שטאַרק פֿאַרבונדן מיט דער קהילה, אַ געוויסע צײַט געלעבט און שטודירט אין ישׂראל, און זיך סוף־כּל־סוף מגייר געווען. אויך שפּעטער האָט זי נישט פֿאַרגעסן איר חיובֿ לגבי ייִדיש. אין די לעצטע יאָרן האָט מען אַרויסגעגעבן איר מאָדערן ייִדיש־פּויליש פּויליש־ייִדיש ווערטערבוך, זייער אַ ניצלעכע פּובליקאַציע פֿאַר אָנהייבערס. פֿון צײַט צו צײַט באַגעגן איך מײַן געוועזענע לערערקע אויף פֿײַערונגען אינעם „דזשיי־סי־סי“ אָדער אין דער קהילה, צוזאַמען מיט איר שוועסטער און צוויי חנעוודיקע טעכטערלעך.

פֿון דעסט וועגן האָבן די ייִדן אין פּוילן אַמביוואַלענטע געפֿילן לגבי דער נײַער „מאָדע“. פֿאַרשטייט זיך, אַז פֿון איין זײַט פֿרייט מען זיך, וואָס די פּוילישע געזעלשאַפֿט איז געוואָרן אָפֿענער וואָס שייך מינאָריטעטן און איז פֿאַראינטערעסירט אויפֿצוהיטן די לעצטע שפּורן פֿון דער אַמאָליקער פֿילקולטורקייט. פֿון דער צווייטער זײַט איז אָבער שווער נישט צו באַמערקן, אַז די שטעלונג פֿון אַ סך יונגע פּאָליאַקן איז נאַיִוו און נישט באַוווּסטזיניק, וואָס דאָס קען חלילה דערפֿירן צו כּלערליי אומ־פֿאַרשטייעניש. שוין אָפּגערעדט פֿון דעם, אַז מע פֿאַרקויפֿט זיי די געמיינסטע אימי־טאַציעס פֿון דער ייִדי־



צווישן, דער זשורנאַל אַרויסגעגעבן פֿון דער שלום־פֿונדאַציע

שער קולטור און דעריבער באַקומען זיי אַ פֿאַרקרימט בילד סײַ פֿון איר אַמאָל סײַ פֿון איר הײַנט. עס איז אַפֿילו געקומען צו דעם, אַז אַ באַקאַנטער פּוילישער זשורנאַליסט, סעווערין בלומשטיין, אַליין אַ סעקולערער ייִד, האָט פּראָקלאַמירט: ייִדיש איז אַ שפּראַך פֿון דעם עבֿר און ס׳איז נישט פֿאַראַן קיין אָרט אויף דער ייִדישער גאַס פֿאַר אַזאַ מין לשון, אַחוץ אפֿשר נאָסטאַלגישע פֿילמען און קאַבאַרעטן. במשך פֿון די לעצטע פּאָר יאָר האָט זיך דער מצבֿ יאָ אַ ביסל פֿאַרבעסערט. אין 2010 האָט די וואַרשעווער שלום־פֿונדאַציע געגרינדעט אַ נײַעם זשורנאַל מיטן צוועק צו אינטעגרירן אויף ס׳נײַ די צוויי נאָענטע קולטורן. די פֿערטליאָר־שריפֿט צווישן/*Cwiszn* (מערסטנס אויף פּויליש) איז פֿאַרטראַכט געוואָרן ווי אַ בריק וואָס זאָל ווידער פֿאַרבינדן ייִדיש און פּויליש און דערמעגלעכן די לייענערס און צוקוקערס פֿון טעאַטערס און פֿעסטיוואַלן זיי זאָלן אויסקלײַבן דאָס, וואָס האָט טאַקע אַ ווערט סײַ פֿאַר דער ייִדישער סײַ פֿאַר דער פּוילישער קולטור. די הויפּט־רעדאַקטאָרשע פֿון צווישן איז ד״ר קאַראָלינאַ שימאַניאַק, אַ פֿאָרשערין און אַ לערערקע פֿון ייִדיש, מיט וועלכער מען קען זיך באַקענען אויף די זומערקורסן אין וואַרשע און ווילנע. יעדער נומער נעמט אַרום, צווישן אַנדערן, עטלעכע נײַע איבערזעצונגען פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און אַ הויפּטטעמע: ייִדיש אין ישׂראל, ייִדיש בײַ די חסידים אאַז״וו.

לעצטנס האָט די אידעע פֿון אַרויסגעבן פֿאַרשיידענע איבערזעצונגען פֿון ייִדיש באַקומען אין פּוילן אַ נײַ פּנים. נישט נאָר פּאָעזיע און פּראָזע זעצט מען איבער; יעדעס יאָר גיט מען אַרויס אויף פּויליש עטלעכע יזכּור־ביכער פֿון ייִדישע קהילות און דער פּראָצעס ווערט פֿינאַנצירט בדרך־כּלל דורך די לאָקאַלע אינסטאַנצן מיט דער הילף פֿון דעם אייראָפּעיִשן פֿאַרבאַנד. די גרופּע ייִדיש־פֿאָרשערס וואַקסט און ווערט יעדעס יאָר מער אַקטיוו סײַ אין פּוילן סײַ אין אויסלאַנד. מיט אַ פּאָר יאָר צוריק האָבן זיי פֿאַרלייגט אַ באַזונדערע אָרגאַניזאַציע, Polskie Towarzystwo Studiów Jidyszystycznych (פּוילישער פֿאַרבאַנד פֿון ייִדיש־לימודים) כּדי צו רעפּרעזענטירן די ייִדישע קולטור אויפֿן פֿעלד פֿון וויסנשאַפֿט. אין 2013 אָרגאַניזירט מען אַ גרויסע קאָנפֿערענץ, וואָס זאָל פֿאָרשטעלן ייִדיש־פֿאָרשונג אין פּוילן פֿאַר אַ ברייטערן עולם.

אין דעם לעצטן יאָרצענדלינג וואַקסט אויך די צאָל סטודענטן אַקטיוו באַטייליקטע אין די ייִדישע קהילות. אַחוץ די עטלעכע פּשוטע אויסדרוקן און קולטורעלע ניואַנסן פֿון דער ייִדישער שפּראַך וואָס זיי קענען פֿון דער היים זײַנען זיי אין גאַנצן פּאָלאָניזירט. זייערע עלטערן האָבן שוין גערעדט בלויז פּויליש. דער יונגער דור לערנט זיך אייראָפּעיִשע שפּראַכן, ווי ענגליש, דײַטשיש אָדער פֿראַנצייזיש, אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן באַדינט ער זיך אויסשליסלעך מיט דער מלוכה־שפּראַך. אין דעם פֿאַל קען דער אינטערעס בנוגע ייִדיש באַטראַכט ווערן ווי אַ רעזולטאַט פֿון אַ היסטאָרישן רעפֿלעקס. למשל: סלאַוועק איז אַ יונגער ייִד פֿון שלעזיען, וואָס וווינט איצט אין קראָקע

און שטודירט ייִדישע לימודים אינעם אוניווערסיטעט. ייִדיש איז געווען דער באָבעס ערשטע שפּראַך; ער האָט זיך אָבער גאָר זעלטן אומגעקוקט אויף דעם פֿאַקט. אַפֿילו זײַענדיק מער אַקטיוו ווי אַ כּלל־טוער, ווען ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן אויפֿהיטן אַלטע ייִדישע חפֿצים אין זײַן היימשטעטל, האָט ער זיך ווייניק אינטערעסירט מיט דער אייגענער ירושה. דאָס האָט זיך געביטן ערשט אין קראָקע. דאָ האָט סלאַוועק אַליין, ווײַט פֿון דער משפּחה, געדאַרפֿט ענטפֿערן אויף דער פֿראַגע: „ווער בין איך?“. ער האָט באַשלאָסן צו בלײַבן אַ פּוילישער ייִד. די געשיכטע און די שפּראַך פֿון די ייִדישע אָבֿות זײַנען געווען וויכטיקע פֿאַקטאָרן דערצו.



אַ טרעפֿונג פֿונעם ייִדיש־קלוב אין קראָקעווער קהילה־צענטער. פֿון לינקס: מאַגדאַלענאַ קאָזלאָווסקאַ, אַ דאָקטאָראַנטקע און אַ ייִדיש־לערערין; הרבֿ מיכל שודריך, דער הויפּט־רבֿ פֿון פּוילן; דזשאָנאַטאַן אָרנשטיין, דירעקטאָר פֿונעם צענטער; מאַרעק טושעוויצקי

אַ ברייטערע פּערספּעקטיוו פֿון פּוילישע ייִדן בײַם הײַנטיקן טאָג באַווײַזט, אַז דאָס זײַן גאַנץ ווײַט פֿון ייִדישקייט איז גאָר אַ געוויינטלעכער שטריך בײַ די הײַנטיקע קהילות. דער פּראָצענט געמישטע חתונות איז זייער אַ הויכער. נאָר געציילטע ייִדן היטן

> **ייִדיש איז קיין מאָל נישט געוואָרן, נאָר איז טאַקע פֿון אָנהייב אָן געווען, אַ טייל פֿון דער פּוילישער קולטור.**

אָפּ די מיצוות. אַלע געזעלשאַפֿטלעכע אַקטיוויטעטן ווערן אָנגעפֿירט אויף פּויליש. ענגליש און, אין אַ באַגרענעצטער מאָס, העברעיִש שפּילן די ראָלע פֿון אַ הילפֿשפּראַך אין די באַציִונגען מיט ישׂראל און ייִדן פֿון אַנדערע לענדער. פֿון דעסט וועגן איז ייִדיש געבליבן אַ וויכטיקער אַספּעקט פֿון דער ייִדישער זיך־אידענטיטעט. די אָנדענק־טאָוולען אויף מויערן פֿון געוועזענע ייִדישע קוואַרטאַלן באַשטייען געוויינטלעך פֿון צווישפּראַכיקע אויפֿשריפֿטן (אויף פּויליש און ייִדיש). מע גיט נאָך אַלץ אַרויס דעם זשורנאַל דאָס ייִדישע וואָרט אויף פּויליש און ייִדיש, און דער ייִדישער מלוכה־טעאַטער פֿירט אויף קלאַסישע פֿאָרשטעלונגען אין אָריגינאַל. אַפֿילו דער זשורנאַל פֿון דער וואַרשעווער קהילה טראָגט דעם אונטערטיטל „ביולעטין פֿון דער קהילה־קדושה אין וואַרשע“ (מיט אותיות־מרובעות), נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס ער ווערט פּובליקירט אין גאַנצן אויף פּויליש.

ייִדיש איז קיין מאָל נישט געוואָרן, נאָר איז טאַקע פֿון אָנהייב אָן געווען, אַ טייל פֿון דער פּוילישער קולטור. פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה האָבן דאָס שוין געוווּסט די פֿאָרשטייערס פֿון דער אינטעליגענץ, וועלכע זײַנען נישט פֿאַרסמט געוואָרן פֿונעם אַנטיסעמיטיזם.

נאָכן חורבן האָט מען אַ לאַנגע צײַט נישט געקענט אַרויסזאָגן דעם פֿאַקט. ערשט מיט די דעמאָקראַטישע שינויים האָט זיך עפּעס געביטן. מע האָט סוף־כּל־סוף דערזען, אַז די קולטור האָט פֿאַרלוירן עפּעס וויכטיקס, אַז עס פֿעלט איר אַ היימישער אידיאָם. פֿאַרשיידענע סיבות שטויסן הײַנטיקע פּאָליאַקן און יונגע פּוילישע ייִדן זיך צו פֿאַרנעמען מיט ייִדיש. די ערשטע ווילן בויען קולטורעלע בריקן אָדער שטרעבן צוריקצובאַקומען דעם היסטאָרישן זכּרון, אָן וועלכן ס'איז זיי שווער זיך צו אידענטיפֿיצירן ווי פּאָליאַקן און אייראָפּעער. פֿאַר די לעצטע וועט די שפּראַך זיכער בלײַבן אַ סימן פֿון דאַיִקייט און ייִדישקייט. די צוקונפֿט בלײַבט אָבער אומקלאָר און קומעדיקע דורות וועלן אַליין דאַרפֿן באַשטימען דאָס אָרט פֿון ייִדיש און דער ייִדישער קולטור אין פּוילן.

---

**מאַרעק טושעוויצקי**, אַ היסטאָריקער, ייִדיש־לערער און איבערזעצער, איז געבוירן געוואָרן אין פּלאָצק אין 1981. ער האָט שטודירט ייִדיש אין קראָקעווער אוניווערסיטעט, ווי אויך אויף די אינטענסיווע קורסן אין ניו־יאָרק, ווילנע און שטראַסבעריק. ער איז אַקטיוו אין דעם ייִדישן קהילה־צענטער אין קראָקע, לערנט ייִדיש אינעם אוניווערסיטעט און אינעם אינטערנאַציאָנאַלן זומער־סעמינאַר פֿאַר דער ייִדישער שפּראַך און קולטור אין וואַרשע. זינט 2011 אַרבעט ער אין דער רעדאַקציע פֿונעם זשורנאַל צווישן/*Cwiszn*, ווי אויך בײַ אַנדערע פּראָיעקטן. ביז איצט האָט ער פּובליקירט אַ פּאָר קורצע אַרטיקלען אויף ייִדיש אין פּוילן (דאָס ייִדישע וואָרט), פֿראַנקרײַך (ייִדישע העפֿטן) און ישׂראל (דער ירושלימער אַלמאַנאַך).